NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13005

# DOVIDL KRUMFISELE

Mark Daniel

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



מ. דאַניעל

# אָווידל קרומפּיסעלע

מאָסקווע
צענטרפאַרלאַג

מ. דאַניעל

# דאַווידל קרומפּיסעלע

צענטראַלער פעלקער - פאַרלאַג פון פ. ס. ס. ר.
מאָסקווע — 1928

КНИЖНАЯ ФАБРИКА
ЦЕНТРАЛЬНОГО
ИЗДАТЕЛЬСТВА
НАРОДОВ СССР
МОСКВА, ШЛЮЗОВАЯ
НАБЕРЕЖНАЯ 6

Главлит 99.825
Тираж 3.000 экз.

54

א מאטאָנע באָבּרויסקער קינדער-שטעטל

1

די שטאָט איז געווען א מוירעדיק גרויסע, מיט אסאך פלעצער און גערטנער, גאַסן און געסלעך, מערק און פאָר־שטעט.

און שטיינערנע מויערן זיינען אין דערדאָזיקער שטאָט געווען ניט איבערצוציילן, און הילצערנע הייזלעך נאָך מער.

אין אן עק שטאָט, הינטער א צעבראָכענעם פּאַרקאַן איז זיך געזעסן, געטוליעט צו דער ערד, א נידעריק, היל־צערן הייזל.

זיצט דאָס הייזל אין עק פון שטאָט שוין יאָרן לאַנג, און אין הייזל יענעם לעבט זיך שטיל און פאַרהאַרעוועט — שלוימע „פּאַמעלעך“.

„פּאַמעלעך“ האָבן אים די אַרומיקע שכנים גערופן דערפאַר, ווייל אלין האָט ער געטאָן לאַנגזאַם און באַטראַכט, שטיל און פּאַמעלעך. טרעפט אמאָל, אז די טיר אין הייזל עפנט זיך לאַנגזאַם און מאַרודנע, און קיין מענטשן און אריינגעקומענעם זעט מען ניט גאַנצע פינף מינוט — ווייסן שוין אלע שטוביקע — דאָס גייט „פּאַמעלעך“.

דערפאַר פלעגט די ווייב זיינע דורך דער נידעריקער טיר ניט אריינגיין, ווי אלע אנדערע מענטשן, נאָר גיך,

גיך זיך ארייַנקייקלען, נאָך גיכער און פלינקער מאַכן מיט אירע קורצע הענט, און דאָס מויל פלעגט בײַ איר שטענ־דיק מאַלן וועדטער, ווי א ווינט־מיל אָפּגעשניטענע קאָרן.

האָבן די אַרומיקע שכיינים שלוימעס ווייב גערופן — פּעסיע די „גיכע״, ווייל אַלץ האָט זי געטאָן גיך און אין איילעניש, אַזוי, ווי דאָס שטיבל זייערס וואָלט פון אַלע זייטן געברענט...

א סאָף־זומערדיקער טאָג איז דאָס געווען. פּעסיע איז פון דערפרי אוועק אין מאַרק און נאָך ניט געקומען צוריק. שלוימע איז געשטאַנען בײַם גרויסן הילצערנעם וואַרשטאַט און געזונגען. שלוימע האָט האָלט געהאַט זינגען אין טאַקט צו דער אַרבעט. שלעפּט ער אַזוי דעם גרויסן הובל איבער א געשטופּלטער ברעט. קריכט דער הובל שווער און פּאַ־מעלעך, באַגלייט דעם הובל־גאַנג שלוימע מיט א שטילן און אויסגעצויגענעם ניגון:

דאָרט אין וואַלד שטייט א בוימעלע
און די בלעטעלעך בליִען,
און בײַ מיר, אָרעם סטאָליערל,
טוט דאָס הערצעלע ציִען!...

פאַלן פון ביידע זייטן הובל הילצערנע סטרוזשקעלעך, דרייען זיך אין קרייזלדיקע רעדלעך, וויקלען זיך צונויף אין דינינקע קלעצלעך, פינקלען מיט א זיידענעם אָפּגלאַנץ, און שושקענען א טרוקענעם, הילצערנעם געזאַנג אין הייזל.

ווערט פון געזאַנג אין הייזל אומעטיק און טונקל.

**חערט אויף שלוימע טרייבן דעם חופּל איבערן רוקן פון צעחויקערטער ברעט, טראָגט צו דעם חובל גאַר נאָענט צום מויל, און בלאָזט פון די שפּאַלטן דעם הילצערנעם שטויב.**

אָבער שטויב אין די שפּאַלטן פון אָפּגעטעמפּטן מעסער ליגט געדיכט און איינגעפּרעסט, ווייל פון דאָרטן ניט ארויס. ווערט שלוימען מיעס בלאָזן הילצערנעם שטויב אין די שפּאַלטן פון גרויסן הובל ליגט ער אים אָפּ אָן א זייט. באַקוקט איצט פאַמעלעך שלוימע די גרויסע זעגן און קליינע זעגעלעך, די האַמערס און העק, די שרויפן און בויערס — באַקוקט דעם גאַנצן געצייג און טראַכט:

— פּעסיע איז גאַנץ פרי אוועק אין מאַרק און נאָך ניט געקומען... פּעסיע איז ניט שולדיק... דער דערבייאיקער קרעמער גיט מער ניט אף באָרג... בא די ארומיקע שכיינעס האָט שוין פּעסיע אויך אָנגעליען איבערן קאָפּ...

זיצט שלוימע פאַרכמורעט און רעדט צו זיך אליין:

— ביז וואַנען איך וועל ניט פאַרטיק מאַכן די דופּעלט פענסטער און טירן, וועט אויסקומען צו הונגערן.

און ווי ער רעדט אַזוי, עפנט זיך די טיר, פּעסיע פאַלט אריין א צעטראָגענע און שטאַמלט מיט בלייכע ליפּן:

שלוימע האַרציקער, עס... עס... עס הערט זיך אין גאַס מיל—ל... מיל—ל... מילכאָמע!!

ווערט שלוימע בלייך, ווי די וואַנט, און וויל באַווייזן, אַז ער האָט זיך ניט דערשראָקן. הויבט ער אָן מיט ציטערנדיקע ציין איבערפרעגן:

— וואו מילכאָמע... ווען מילכאָמע? אַבי-חאָס ווײַ-בער ריידן...

ווערט שוין פעסיע שטארק, שטארק אין קאעס, טוט אוים אַף גיך און אין איינע איילעניש דאָס טיכל פון קאָפּ — הויבט אָן איבערמישן:

— וואו מילכאָמע?.. ווען מילכאָמע?.. ווייבער ריידן... גיי אין גאס ארויס, וועסטו אליין זעען... אין מארק איז כווישעך... קיין מעל אין די קראָמען איז שוין ניטאָ... קיי-נער באָרגט קיין לעבל ברויט ניט.

דערהערט אזוינע רייד, טוט שלוימע אָן פאָמעלעך זיין אויבערשט רעקל, גייט לאנגזאָם און מארודנע אוועק אין גאָס. ווען שלוימע איז שפּעט נאָך האלבער נאכט פון שטאָט אין הייזל צוריק געקומען, איז שוין פעסיע די „גי-כע” געלעגן אין בעט, געווען פאָרוויקלט אין ווייסע ליי-לעכער, געבעטן איר עלטער-עלטער באָבען, יענע זאָל איר פון יענער וועלט העלפן געבאָרן... שלוימע האָט פארגעסן אָן די אלע שלעכטע און טומלדיקע נייסן, וואָס ער האָט זיך אין שטאָט אָנגעהערט. צופרידן געריבן זיינע גרויסע סטאליארישע הענט און דער קראַנקער פעסיען אריינ-גערעדט:

— אויב דו וועסט געבאָרן א איינגל, גיבן מיר אים א נאָמען דאָווידל... און זאָל ער זיך שרייען געזונטערהייט..

און אזוי האָט געטראָפן:

ווען די דייטשן האָבן פלוצים גענומען שיסן הינטער דער שטאָט פון ביקסן און הארמאטן, פון קוילנווארפער און עראָפּלאַנען — פונקט דעמאָלט איז דאָווידל געבאָרן

געוואָרן. שלוימע „פּאַטעלעך“ האָט דאָס ניט געקענט פאַר-געסן און אַלע שכיינים דערציילט:

— מיין דאָווידל איז געבאָרן געוואָרן מיטן ערשטן שאָס!

שרייט דאָווידל וואָס פון טאָג אַלץ העכער און הע-כער, און די דייטשן הינטער דער שטאָט שיסן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. ווערט שלוימע אומרואיקער און שרעקנדיקער, ווערט די נידעריקע פּעסיע פון יעדן האַר-מאַטן-שאָס נידעריקער און צונויפגעדרייטער.

זיצן זיי אין די האַרבסטיקע פאַרנאַכטן בא דאָווידלס וויגעלע, קוקן ווי ער וואַרפט זיינע רויטיקע פּיאַטקעלעך הין-און-הער, עפּנט אויף א רעגע אויגנשפּעלטעלעך און פאַרמאַכט זיי גלייך צוריק — קוקן זיי ביידע אף דאָווידלען ביז שלוימע האַקט איבער די שטילקייט און קוקן זייערן:

— איך האָב געהערט, אַז די דייטשן זיינען פינף מייל פון שטאָט...

ענטפערט פּעסיע גיך און דערשראָקן:

— אונזער הייזל שטייט אף הינערשע פיסלעך... איין גוטער שטויס פון א געזונטן סאָלדאַט, פאַלט עס איין... ווער רעדט נאָך א קויל פון א האַרמאַט...

ווערט זיי פון די רייד אַלץ שווערער און שרעקעדי-קער. פון אַנדער זייט הייזל, אין פינסטערן דרויסן, רייסן זיך קוילן בלינד און אָן אויפהער. טרייסלען קלעפּ פון צע-ריסענע קוילן די ווענט און דאַך פון הילצערן הייזל. וויל פּעסיע דאָווידלען פאַרוויקלען אין א וואַרימער קאָלדרע, אים אַרויפליגן גיך אף אירע קורצע מאַמישע הענט, און

אים פאַרטראָגן ווייט ווייט, אין צענטער פון שטאָט. דאָרט אין צענטער שטאָט, אין אַ שווערן שטיינערנעם מויער וואוינט פעסיעס אַ רייכע קרוויווע — דאָרטן איז זיכערער.

דערזעט דאָס שלוימע, הויבט ער אָן וואָרפן זיינע לאַנגע סטאָלערישע הענט, און גיט פעסיען פאַמעלעך צו פאַרשטיין:

— אַלע מויערן אין צענטער שטאָט זיינען פאַרנומען מיט רוסישע סאָלדאַטן און זייערע שטאַבן...

ווייס קיינער ניט, ווי אַזוי און ווי אַרום די דייטשן האָבן זיך דאָס דערוואוסט... און היינט באַנאַכט וואָרט מען, זיי זאָלן וואָרפן באָמבעס אין צענטער פון שטאָט.

דערהערט אַזוינע רייד, וויקלט פעסיע אוים דאָוו די-לען ,פון דער וואַרימער קאָלדרע, פון די ליילעכער און האַנטעכער, לייגט אים צוריק אַריין אין דער ווייסינקער בעטעלע, און שלאָפט איין אַ מידע און דערשראָקענע...

דערזעט שלוימע, אַז פעסיע איז איינגעשלאָפן, הויבט ער זיך שטיל אויף פון זיין אָרט און זיצן, און גייט אַף די שפּיץ-פינגער אַרויס אין הויף.

די נאַכט איז אַ שטאַרק פינסטערע. צוליב זיכערקייט האָבן אַלע שכיינים אויסגעלאָשן די לאָמפּן און פייערן אין די הייזער, איז פאַר דעם דרויסן און פינסטערער נאַכט איין פאַס ליכטיקייט ניט געבליבן. שטייט שלוימע באַם שוועל פון זיין הייזל, הערט זיך איין, ווי פון דער ווייטער ווייטקייט. פון דער געדיכטער פינסטערניש אַרויס — שליי-דערט וואָר אַהער שטיקער בליי אָנגעפילט מיט פולווער. יעדער קויל פליט בלינד און אָן אַ וועג. טרעפט וואו,

רייסט זיך אויף. צעשיט און צעוואָרפט איבער דערשראָ-
קענע שלאָפלאָזע געסלעך הונדערטער אָפּהילכן פון טויט
און צעשטערונג.

שטייט לאַנג שלוימע אין דער שוואַרצער, אָנשטערנ-
דיקער נאַכט, הערט זיך איין אין די קלעפּ פון בלינדע
קוילן, און רעדט אין דער צעטומלטער פינסטערניש:

— אַ מאָדנער פאַלק אָט די דייטשן... שטייען צענד-
ליקער מיילן פון שטאָט און שיסן... און ווי וועט זיין, אַז
איינער פון די קוילן וועט טרעפן אין מיין הייזל?... איך
האַלט דען מיט זיי מילכאָמע?...

די נאַכט איז אַ שוואַרצע און שטומע — שטומט זי...
גייט שלוימע אַ מידער און דערשראָקענער שלאָפן.

* * *

ציען זיך האַרבסטיקע טעג, פלעכטן זיך אין אומרו-
איקע וואָכן. וואַקסן כאָדאָשים שרעקעדיקע און צעשאָסע-
נע. אַלע טאָג פאַרנעמען די דייטשן די שטאָט און פאַרנע-
מען זי ניט. אַלע טאָג פאַרטרייבט מען די דייטשן אַף
צענדליקער, הונדערטער מיילן — און מע פאַרטרייבט זיי ניט...

האָט זיך שלוימע אַזוי ניט באַמערקט און לאַנגזאַם
צוגעוואוינט צו די שטענדיקע קלעפּ פון בלינדע קוילן, צום
פליען פון גאַנצע כאָפּטעס עראָפּלאַנען איבער זיין קאָפּ.

שפּאַנט שלוימע אַרום איבערן הויף מיט אַ פאַריסע-
נעם קאָפּ צו דער וואָלקן-כמאַרע, קוקט מיט טשיקאַווע
אויגן, ווי די דייטשישע עראָפּלאַנען פינקלען אַף דער זון,
לאָזן זיך אַראָפּ גאָר, גאָר נידעריק צו דער ערד. אָט, אָט

ווערט אַן אײַזערנער פֿינקלדיקער קאָפּ פֿון עראָפּלאַן. זיך צעשלאָגן אַן הויכן קוימען פֿון הויפֿיקן מויער.

קאָן פֿעסיע רואיק ניט צוזען, ווי שלוימע שפּאַנט אַרום מיט אַ פֿאַריסענעם קאָפּ צו די דײַטשישע עראָפּלאַנען, רוקט זי אַרײַן איר קעפּל אין פֿענסטער און שרײַט איבערן גאַנצן הויף:

— שלוימע, שלוימע! גיי שוין אַרײַן אין שטוב. די דײַטשן וועלן נאָך כאַלילע אַ באָמבע אַראָפּוואַרפֿן.

לאַכט שלוימע:

— נאַרעלע, דאָס זײַנען זיי דאָך אַהער געקומען אויסקוקן מײַן דאַלעס, און ניט וואַרפֿן קיין באָמבעס.

* * *

די דײַטשן האָבן זיך אין איינער אַ נאַכט אין שטאָט אַרײַנגעגאַנוועט. פֿעסיע האָט גראַד די נאַכט שטאַרק געכראָפּעט און אויף מאָרגן אַלע שכנים דערציילט:

— זי האָט אַלײן געהערט... זאָל איר גאָט אַזוי געבן געזונט, ווי זי האָט אַלײן געהערט, נאָר זי האָט קיין טומל אין שטאָט ניט געוואָלט אָנמאַכן...

אָבער, ווי דער עמעס זאָל ניט זײַן, איינס איז טאַקע אַן עמעס:

ווען דאָווידל האָט זיך מיט אייגענע קויכעס אויסגעוויקלט פֿון די צוויי לאַנגע האַנטעכער, אין וועלכע פֿעסיע האָט אים פֿאַרוויקלט, און גענומען שרײַען אויף זײַן לאָשן „עסן", זײַנען שוין אויף די ווינקלען פֿון שטאָט געשטאַנען עמעסע דײַטשן, און פֿאַנאַנדערגעפּרעגט, וואו מע קאָן דאָ אָנטרינקען זייערע דורשטיקע פֿערד.

אין אוונט פון זעלביקן טאג איז שלוימע געזעסן בײַ דאווידלס וויגעלע, און פאר פעסיען דאס הארץ אויסגע-רעדט:

— הערסט, פעסיע, פאר א סטאליער איז אלץ איינס, צו וועמען ס'געהערט די שטאט—צו פאניע גאנעוו אדער—צום אנגעבלאזענעם דייטש...

2

פון יענער נאכט און ווייטער האט שוין די שטאט געהערט צו די דייטשן.

שלוימע האט איצט אנשטאט ראמען און טירן, טירן און דילן — צו נייגעבויטע מויערן און הייזער, פאריכט שטולן און טישן, טישן און אלמערס, אלמערס און קאמאדן.

אין שטאט האבן די דייטשן אין איינעם א פרימארגן אויסגעקלעפט אזא מין פאראָרדענונג.

## די דייטשישע קאמענדאנטור פאדערט אַלע באלמע-לאכעס:

שוסטער,
שניידער,
שמידן,
סטאליארעס —

קומען מיט זייער געצייג אין קאמענ-דאנטור.

האט מען די פאדערונג געליינט און איבערגעליינט, און ארויסגעלאזן א קלאנג אין שטאט: די דייטשן פאדערן אף צוואנג-ארבעט.

הענגט זיך די פאראָרדענונג טעג און וואָכן. הענגט אף סלופּעס פון מארק, אף ווענט פון מויערן.

שלוימע שטייט בּאַ זיך אין הייזל, הובּלט פון פאר-טאָג ביז שפּעטער נאַכט הויקערדיקע בּרעטער, קאָכט אף א גרויסן פייער קלעפּיקן קליי, און רעדט אײנע און די-זעלבּע רייד:

— ער וועט ניט אוועקוואָרפן זיין ווייבּ פעסיען, און זיין אָט ערשט געבּאָרענעם דאָווידלען, און וועט ניט גיין אין דער קאָמענדאַנטור אריין.

דאָווידל ליגט אין דער נייאינקער וויגעלע, די וויגעלע איז א ווייסינקע און קליינינקע, דאָווידל איז אַ רויטינקער און שרייענדיקער.

לאַכט פון אים שלוימע:

— אַזאַ גרויסער בּאָכער, שוין גאַנצע דריי כאדאָ-שים, און ווייס נאָר איין אַרבּעט—שרייען, עסן און שלאָפן...

זעלטן ווען עפנט דאָווידל אויף שמאָלינקע אויגנשפּעל-טעלעך אָט דעמאָלט הויבּט אויף פּעסיע א הויכן און קלינ-גענדיקן געשריי. דרייט זיך אַרום אף איין אָרט, פּאַטשט מיט אירע קורצע הענט און רופט איבּערן גאַנצן הייזל:

שלוימע, שלוימע! גיבּ אַ קוק, סאַראַ שיינע אויגע-לעך אונזער דאָווידל האָט!...

שלוימע לאָזט ליגן די בּרעטער, דעם הובּל, די זעג און לויפט אין איינע איילעניש צום קינדס וויגעלע, נאָר איידער שלוימקע „פּאַמעלעך" דערלויפט צום קינדס וויגעלע, האָט שוין דאָווידל צוריק פארמאכט זיינע שמאָלינקע אויגנ-

שפּעלטעלעך און שטאַרק איינגעשלאָפן—אַזוי האָט שוין אַסאַך מאָל געטראָפן.

טרעפט אַמאָל, אַז שלוימקע איז פּונקט צו דער צייט דערלאָפן צו דאָווידלס וויגעלע, אים אַריינגענומען אין זיינע גרויסע סטאָליערשע הענט, שווער און בעריש גענו-מען מיט אים טאַנצן. פּונקט דעמאָלט עפנט זיך די טיר, אין הייזל רייסן זיך אַריין פינף דייטשישע סאָלדאַטן, אַלע הויכוויקסיקע און שטאַרקע, אַלע אָנגעטאָן אין גראָע שי-נעלן און בלעכענע קאַסקעס אויף די קעפּ.

פאַרשטייט שוין שלוימע, ווער דידאָזיקע געסט זיי-נען, און נאָך וואָס זיי זיינען צו אים אין שטיבל געקומען. לייגט שלוימקע גיך דאָווידלען אין וויסינקער וויגעלע אַריין, דרייט זיך דערשראָקן אויף איין אָרט, און בלייבט שטיין אַ דערשראָקענער נעבן פּעסיען. טיילט זיך אָפּ איינער פון די פינף אַריינגעקומענע סאָלדאַטן, טרייסלט אָפּן פאַרשראָקענעם שלוימען פאַרקוועטשטע פויסטן, און שרייט ניט מיט קיין מענטשלעכן קול:

— פאַרפלוכטער אידל, וואָרום ביסטו צו דער באַ-שטימטער צייט אין דער קאָמענדאַנטור ניט געקו-מען!..

איידער שלוימע האָט צייט געהאַט דערציילן, אַז דאָווידל איז ניט לאַנג געבאָרן געוואָרן, זיינען שוין זיינע זעגן און האַמערס, האַמערס און שרויפן, שרויפן און בוי-ערס—איז שוין זיין גאַנצער געצייג געלעגן צוזאַמענגע-וואָרפן אין איין גרויסן זאַק.

פעסיע איז געשטאנען שטיל און ווי אפגעליימט פאם קינדס וויגעלע, געקוקט מיט פארשטיינערטע אויגן, ווי די פינף דייטשישע סאלדאטן רייסן די געצייג פון וואנט און שלוימען פון שטיבל ארויס...



כארפלוכטער אידל.. פארוואס ביסטו צו דער באשטימטער צייט ניט געקומען...

ווען שלוימע האט זיך שטיל אין אן ווערטער, גע-זעגנט מיטן שלאפעדיקן דאווידלען, און שוין געשטאנען הארט בא דער טיר—גרייט אוועקגיין,—ערשט דעמאלט איז פעסיע צוזיך געקומען, זיך אפגעריסן פון איר פאר-גליווערטן שטייען, ארויס מיט א געוויין:

— שלוימע הארציקער!.. אף וועמען לאזטו מיך מיטן קינד איבער?..

סאלדאטישע הענט האבן די שרייענדיקע פעסיען פון שלוימען אפגעריסן—שלוימען פון הייזל אוועקגעפירט...

* * *

טעג און וואָכן האָט שלומע געאַרבעט הינטער דער גרויסער שטאָט, געבויט איניינעם מיט נאָך הונדערטער ווי ער — לאַנגע, געדרייטע אַקאַפּעס. דערנאָך האָט מען אים פאַרטריבן אַלץ ווייטער און ווייטער פון זיין הילצערן הייזל, פון פעסיען און דאָווידלען.

דאָווידלען אַרט דאָס זייער ווייניק. ער ליגט גאַנצע טעג און נעכט אין דער ווייסינקער וויגעלע.

די מאַמע גיט עסן — שווייגט ער.

די מאַמע גיט ניט עסן — שרייט ער.

די אויגעלעך בײַ אים זיינען שוין געוואָרן גרעסער און ברייטער. די פיסעלעך לענגער און שטאַרקער. פעסיע האָט ליב דאָווידלען פאַרוויקלען אין וויקעלעך און טיכלעך, אין טיכלעך און האַנטעכער, האַנטעכער און ליילעכער.

— אַז מע וויקלט אַ קינד אין האַנטעכער און וויקעלעך, — וואַקסן אויס גלייכינקע פיסעלעס — אַזוי זאָגט פעסיע...

אַלע ווייבער שאָקלען מיט די קעפּ, און שטימען צו:

— אַוודאי אַזוי — אַ קינד דאַרף מען וויקלען...

אָבער דאָווידל האַלט אַנדערש, דאָווידלען איז פון די טיכלען און האַנטעכער, פון די וויקעלעך און ליילעכער ענג און שלעכט. וואַרפט ער זיך אַ צונויפגעדרייטער און געפּענטעטער אין וויגעלע, שלעפּט אַרויס מיט זיינע קינדערשע קויכעס די הענטעלעך און פיסעלעך, וואַרפט מיט די רויטינקע פּיאַטקעלעך הין-און-הער, און שרייט אַן אויסגעוויקלטער און אָפּגעדעקטער: — „עסן“.

אזוי האָט זיך אוועקגעקייקלט אַ יאָר אַ גאַנצער.

דאָווידל איז שוין פון וויגעלע אַרויסגעקראָכן. פריער, ווי אַ בלינדע קעצעלע אַף אַלע פיר אַרומגעפּויזשעט, גערוקט אין מויל אַלין, וואָס אַף דער ערד איז געלעגן, דערנאָך איז ער פון דער ערד און אַרומפּויזשענען אויפגעשטאַנען. אָנגעכאַפּט זיך אָן אַ נידעריקן בענקל, גענומען רונד-אַרום בענקל אַף די אייגענע פיסעלעך אַרומגיין.

פעסיע האָט פאַר דאָווידלען זייער ווייניק צייט געהאַט. ביז שפּעט, אין דורך נאַכט, פלעגט זי שטיין בּאַ אַ גרויסן אָנגעבּרענטן אויוון, וואַרפן אַפן פאַרשאַרטן זשאַר שטיקער טייג, דאָס צייג איז געווען ניט שוואַרץ, ניט ווייס. אויסגעזען, ווי ווייכע שטיקער קיט אין אַ זומערדיקן טאָג. די קאָרענע זעמעלעך פלעגט פעסיע פאַרטאָג פון שטוב אַרויסטראָגן, אַ גאַנצן טאָג אַרומלויפן איבער מערק און גאַסן, איבער הויפן און הייזער און שרייען:

— פרישע זעמעלעך... זעמעלעך פון פאַר-מילכאָמע מעל!.. פון פאַר-מילכאָמע מעל...

פון שלוימען זיינען קיין בריוו ניט געקומען. אין הייזל איז געוואָרן אַלץ קעלטער און הונגעריקער.

פעסיע איז שוין אויסגעוועזן אין אַלע שטאַבּן, אין פּאָטשט, אַנשטאַלטן, און אומעטום און אַלעמאָל באַקומען איינעם און דעמזעלבן ענטפער:

— בּאַ אונז איז אַזאַ ניט פאַרעגיסטרירט... מע דאַרף אויסוואַרטן ביז די מילכאָמע וועט זיך ענדיקן...

די מילכאָמע האָט זיך געצויגן טעג און וואָכן, וואָכן

און כּאַראַשים, און קיין סאָף, און קיין בּרעג זעט מען ניט. הערט מען ניט...

אַלע טאָג פלעגט פעסיע אַנוואַרפן אַף זיך איר אַלטן סאַק מיט די הויכע בּופעס אין די אַרבּל, גיך פאַרוויקלען די פאַטשיילע אַפן קאָפּ, און לויפן אין דער מאַנסבּילשער שול הערן נייס. און אַלע טאָג פלעגט פעסיע קומען צוריק אַ פאַרכמורעטע און צעקלעמטע, זיך זעצן בּאַ דאַווידלען, אים דאָס געהערטע נייס איבּערדערציילן.

דאַווידל פלעגט גלייכגילטיק אויסהערן דער מאַמעס טאַינעס, פינקלען אַף איר מיט זיינע שוואַרצע אויגלעך, און צום סאָף זיך פאַנאַנדערוויינען—„עסן".

3

ווען דאַווידל איז אַלט געוואָרן דריי יאָר, האָבּן שוין אַלע קלאָר און דייטלעך געזען:

אויגעלעך זיינען בּאַ אים שוואַרצינקע און פינקל-דיקע, ווי בּאַ אַ הונגעריקע קעצעלע. האָר בּלאָנדע און פאַרדרייטע אין קרייזלעך. אַ נעזל פאַריסן אַרויף, נאָר איין פעלער האָט דאַווידל פאַרמאָגט—קרומינקע פיסעלעך.

צווישן די הויף-אינגלעך איז געווען איינער, דער עלטסטער—לייבּקע בּוזאַנע. אָט דער לייבּקע בּוזאַנע האָט שטאַרק האַלט געהאַט צורופן צו זיך דאַווידלען, אים געבּן אַ גרויסע שטיק כאַלע און איינריידן:

— דאַווידל, קום מאַכן אַ מענטשעלע!..

לייבּקע בּוזאַנע פלעגט אַפן גרויסן הויף געפינען אַן אָרט, וואו דער שניי איז טיף גוט פּוכיק-ווייך, אויסציען

דאַווידלען אין פּוכיקן שניי, און שרייען צו די איבעריקע הויף-אינגלעך:

— זעט ווי דאַווידל קרומפּיסעלע האָט געמאַכט אַ מענטשעלע!..

די הויף-אינגלעך פּלעגן פרייליך פּאַטשן אין די הענט, וואַרפן אַף אים שטיקער שניי, אים צוריק פון טיפן פּוכיקן שניי אויפהויבן, שרייען אַלע מיטאַמאָל:

— אַ יאָט דאַווידל, געמאַכט אַ מענטש:

איינמאָל ליגט זיך אַזוי דאַווידל אין שניי, ליגט אויס-געצויגן אין זיין גאַנצער גרויס, — די הענט צעוואָרפן אין די זייטן, די פיס צעשפּרייט און באַזונדער... אַרום אים אַ גאַנצע הורדע אינגלעך: גרויסע, קליינע, מיטעלע, און אַלע לאַכן, און אַלע פרייען זיך, וואָס דאַווידל קרומפּיסעלע מאַכט שנייאיקע מענטשעלעך — פּלוצים לויפט אַפן הויף אַרויס פּעסיע, מאַכט מיט אירע קורצע הענט, און שרייט מיט איין אָטעם:

וואו איז דאַווידל?.. דאַווידל וואו איז?.. הינדענבורג איז דאָך אין שטאָט!..

די הויף-אינגלעך האָבן פלינק דאַווידלען פון שניי אויפגעהויבן, פון אים דעם שניי אָפּגערייניקט, צעלאָפן אין די ווינקלעך, ווי ניט צו זיי האָט דאָס...

— זע ווי די זעסט אויס... וואו האסטו זיך אַזוי אין שניי אויסגעקייקלט?...

דאַווידל האָט גענומען דערציילן דער צעטומלטער מאַמען, אַז ער האט „געמאַכט אַ מענטש“.

פעסיע האָט דאָווידלען פאַרטראָגן אין שטוב, אים דאָרט פאַרוויקלט אין דער וואַרעמער קאָלדרע, אין צע־טומלטער צעהיצטקייט זיין ענטפער וועגן „געמאַכטן מענטש" ניט געהערט, אַלין גערעדט און איבערגערעדט איינעם און דעמזעלבן נייס: הינדענבורג איז דאָך אין שטאָט.

א צוואַנציק־גראַדיקער פראָסט האָט בלומען און קוויטן, קוויטן און הייזער, הייזער און טייכן, טייכן און וועלדער, וועלדער און בוימער געשפּינט און געוועבט אַף דרויסיקע, פאַרפראָרענע שויבן.

א זון א לויטערע און קאַלטע האָט פאַרפראָרענע זו־ניקע פאַסן געשאָטן אַף שויבן און פענסטער, אַף גאַסן און מענטשן, געוואָלט דעם שטאַרקן פראָסט לינדער מאַכן, ניט געקאָנט.

פעסיע האָט שווער אין פאַרקעלטערטן דרויסן גע־אָטעמט, גיך און איילנדיק געלאָפן איבער סקריפּענדיקע פאַרפראָרענע געסלעך, אַלין טיפער דאָווידלען אין דער וואַרעמער קאָלדרע געטוליעט.

פעסיע איז דורכגעלאָפן די קרומע געסלעך פון פאַר־שטאָט, אַרוים אין די הויפּט־גאַסן פון שטאָט.

אין צענטער שטאָט איז יאָנטעוו געווען.

די ברייטע גאַסן פון שטאָט זיינען געווען באַלאַגערט פון רייטער און פוסגייער. די ווענט און מויערן באַקלעפּט פון אויפרופן און אויפשריפטן:

זאָל לעבן דער פעלדמאַרשאַל הינדענבורג!
זאָל לעבן די דייטשישע אַרמיי! —

קריג ביז זיג.!

פון עקן און פארשטעט, פון גאַסן און געסלעך האָבן זיך צום גרויסן פּלאַץ געצויגן לאַנגע שערענגעס סאָלדאַטן. די סאָלדאַטן אין די רייען האָבן אויסגעזעען אַלע איין גרויס, איין הויך, געטראָגן איינע און דיזעלבע העלבלאָע שינעלן, היטלען מיט שמאָלע, בלאָע דעקן און רויטע אָקאָלעשן.

— „דייטשלאַנד, דייטשלאַנד איבער אַלעס!"

האָבן געראָוועט הונדערטער טויזנטער סאָלדאַטן.

— דייטשלאַנד, דייטשלאַנד איבער אַלעס! — האָבן געהילכט און געענטפערט פלעצער און גאַסן.

פּעסיע האָט מיט דערשראָקענע אויגן געקוקט אַפן יאַנטעוו, וואָס האָט זיך געשפּרייט און געגרייט דאָ...

יונגע אָפיצערן אין שפּיגל-גלאַנציקע שטיוול און לייקענע הענטשקעס זיינען אומגעלאָפן פון שערענגע צו שערענגע, וואָס איבערגעגעבן אָפגעריסן און קורץ, געוועןבלייך און דערשראָקן.

פלוצים האָט אַן אָנזאָג זיך דורכגעקייקלט פון די אָפיצערן צו די גלייכע שערענגעס סאָלדאַטן, פון די סאָלדאַטן צו די ציווילע, אָפּגעהילכט אין אָנגעשטרענגטער דערוואַרטעניש.

דער פעלדמאַרשאַל גייט!

דער פעלדמאַרשאַל הינדענבורג גייט!

פיר מיליטערישע אָרקעסטערס האָבן אייַנציייטיק די מעשענע טרובעס צו די פּאַרפּראָרענע ליפּן צוגעטראָגן. אין דרויסיקער קעלט דורך מעשענע טרובעס אַ פריילעכן מאַרש געבלאָזן.

פעלדמאַרשאַל הינדענבורג איז פאַמעלעך געטראָטן אײַ־בערן פלאַץ־פּאַראַד, געווען אַרומגערינגלט פון אַ גרויסער מאַכנע אָפיצערן, גענעראַלן, אַדיוטאַנטן. בײַ זײַן דער־נעענטערן זיך פלעגן די סאָלדאַטן העכער די קעפּ אַרויף צום הימל פאַרייסן. זיך אויסציען אין לײַבע שנירלעך. אָפּגעהאַקט גיך אַרויסוואַרפן קורצע, אויסגעכאַזערטע ווער־טער, — אַזוי ווי די אויסגעכאַזערטע ווערטער וואָלטן זיי אַ גאַנצן טאָג געוואָרגן...

פּעסיע איז געשטאַנען בלײַך און דערשראָקן, דאָס וואַרעמע טוך איז איר פון קאָפּ אָפּ אַ זײַט אַראָפּגעפאַלן. אַ קאָפּ האָר צעשויבערט פון ווינט. פאַרווייט פון קעלט, זײַנען צעפאַלן אין ווײַסע הענגעלעך, אויסגעזעען, ווי דינע שטיקלעך דראָט. פּעסיע האָט אַלץ פעסטער און שטײַפער דאַווידלען צום בוזים און וואַרעמקייט געדריקט די אויגן אירע האָבן פון טיף פון אונטער פאַרווייטע ווײַעס געזוכט דעם דײַטשישן פעלדמאַרשאַל, — אים געפונען אינמיטן פּלאַץ, און שוין מער פון אויג אים ניט אַרויסגעלאָזן...

ווען הינדענבורג, אַרומגערינגלט פון דער גרויסער מאַכנע גענעראַלן, אָפיצערן, אַדיוטאַנטן, איז געבליבן שטיין ניט ווייט פון דער פאַרפראָרענער פּעסיען, האָט זי זיך מיט איינמאָל פון איר אָרט און פאַרגליווערטן שטייען אָפּגעריסן, דורכגעריסן די סאָלדאַטישע פאַר־צאַמונגען, צוגעפאַלן צו זײַנע גלאַנציקע שטיוול און גענו־מען בעטן:

— האַרינקע... פאָריצל... האָב ראַכמאָנעס אויף אַ לע־בעדיקע אַלמאָנע... מײַן מאַן האָט מען אויף צוואַנגס־אַרבעט

צוגענומען, און ניטאָ... האַרינקע הינדיבורג, האָב ראַכ־
מאָנעס...

אין מיטן טאָינען האָט אַ זייטיקער אָרקעסטער אָנ־
געהויבן שפּילן אַ פריילעכע מאַזורקע... דאָווידל האָט זיך
אויסגעפּלאָנטערט פון דער וואַרעמער קאָלדרע, גענומען



האַרינקע פּאָריצל... האָב ראַכמאָנעס...

פּעסיען בריקען מיט די קרומע פיסלעך אין בויך. געשריען
דעם דייטשישן פעלדמאַרשאַל גלייך אין פּאָנים אַריין...

— מאַמע, מוזיקע... מאַמע, לאָז מיר אָפּ...

— מאַמע, מוזיקע...

פּעסיע איז פון זיינע קוילעס און בריקערייַ נאָך צע־
טומלטער און דערשראָקענער געוואָרן... גענומען שטיל, און
ניט באַמערקט דאָווידלען קנייפּן אין די ווייכע ליטקעס,
דאָווידל האָט נאָך העכער און שטאַרקער גענומען שרייען...

די גענעראַלן און אַדיוטאַנטן זיינען געשטאַנען צע־
מישט און צעטומלט, געקוקט מיט קעלבערנע, דערשראָ־

קענע אויגן אַף הינדענבורגן, ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט דער אָפּגעריסענער אידענע און שרייענדיקן קינד...

הינדענבורג האָט זי שלעכט און איילנדיק באַקוקט מיט זיינע גראָע, וואַסערדיקע אויגן, זיך אויסגעקערט צו איר מיט זיין פעלדמאַרשאַלישן רוקן, מיט שווערע טריט ווייטער אַוועקגעשפּאַנט איבערן פלאַץ-פּאַראַד. צוויי אָפּי-צערן האָבן דער צעטומלטער פּעסיען פון פלאַץ אַראָפּגע-פירט, איר געהייסן געשווינט און גיך אַהיים גיין.

— דייטשלאַנד, דייטשלאַנד איבער אַלעס! — האָבן ווידער געראָוועט הונדערטער, טויזנטער סאָלדאַטן.

— זאָל לעבן דער פעלדמאַרשאַל הינדענבורג! — האָבן געענטפערט די איבעריקע.

די נייס, אַז פּעסיע האָט גערעדט מיטן דייטשישן פעלדמאַרשאַל, איז איבערגעפלויגן פון מויל-צו-אויערן.

אידן ליידיקגייער האָבן זיך אין קרייזלעך און רעד-לעך געקליבן, דערציילט און איבערדערציילט וועגן גע-שעענעם און אויסגעטראַכטן...

גאָר נייגעריקע ווייבער האָבן זייערע קראָמען און הייזער אַף שאָען לאַנג פאַרלאָזן, געקומען אָפּגעבן פּעסיען מאַזלטאָוו, גלייך, ווי שלוימע וואָלט פון געפענגעניש אַהיים געקומען.

פּעסיע האָט זיך פון די אַלע באַזוכונגען און איבער-געלעבטן שרעק געפילט קראַנק און צעבראָכן, געלעגן גאַנ-צע טעג אין בעט מיט שווערע ווייטיקן. וואָס צו עסן איז אין שטוב געוואָרן אַלץ ווייניקער און ווינציקער.

דער גרויסער אויוון האָט שוין פאַרבערענט און מיטן

רויך אויסגערויבערט די גראַבע קלעצער און קלעצלעך, די דינע ברעטער און ברעטלעך, די סטרוזשקעס און קעסט־לעך — איז אין שטוב געוואָרן קאַלט און הויל...

דאָווידל איז שוין מער ניט אומגעלאָפן אפן גרויסן הויף, אויפגעהערט צו מאַכן שנייאיקע מענטשעלעך אין פּו־כיקן שניי. דאָווידל האָט זיך שטיל און פאַרלאָזן אומגע־דרייט אין דער קאַלטער שטוב. די אויגלעך זיינען בא אים געוואָרן גרעסער און אומעטיקער, דאָס פּאָנעם קינדיש־ערנסט און בלייכער.

שאָען לאַנג פלעגט ער אָפּשטיין באַם קליינעם, פאַר־פראָרענעם פענסטער — זוכן זיין טאַטעלען.

ווי אַזוי זיין טאַטע דאַרף אויסזעען האָט ער ניט גע־וואוסט, ניט געדענקט. אין ליידיקע שאָען, אין לאַנגע ווינ־טערדיקע פאַרנאַכטן, אין זוניקע, זומערדיקע פרימאָרגנס, — האָט פעסיע אויסגעוואַרעמט און פאַרזייט אַ שטאַרקע קינ־דישע ליבע צום פאַרפאַלענעם טאַטן.

ליגט איצט דאָווידל אַ קלייניקער און דריי־יאָריקער, בלאָנדזשעט מיט זיינע קינדערשע אויגלעך איבער וועלדער און טייכן, טייכן און שטעט, שטעט און וועגן — זוכט אַ אַ וועג, וואָס פירט ווייט, ווייט אַהין, וואו מע האָט זיין טאַטעלען פאַרשלעפּט. פאַלט אַן אָוונט, פאַרציט און פאַר־מעקט, פאַרהוילעט און צעמישט אַלע טייכן און וועלדער, שטעט און וועגן, וואָס דער פראָסט האָט אַ גאַנצן טאָג געשפּינט אף די פאַרפראָרענע שויבן פון קליינעם פענס־טערל... ווערט באַם פענסטער טונקל און קאַלט, טרייבט

די טונקעלע קעלט דאַווידלען פון פענסטער אין צווייטן ווינקל, צו מאַמישער וואַרעמקייט.

אין צווייטן ווינקל ליגט פעסיע שוועך און ניט באַוועגלעך, קוקט מיט קראַנקע, פינקלדיקע אויגן אַף דאַווידלס עלנטקייט. האָט מוירע אים נאָענט צו זיך צוטוליענען.

דאַווידל האָט שוין גוט געדענקט, וואו און אַף וואָסער גאַס ס'געפינט זיך די אומזיסטע קינדער-קיך. גאַנצע פרימאָרגנס פלעגט ער אָפּשטיין אַ קליינינקער און ניט באַמערקטער אין די לאַנגע קינדערשע רייען — וואַרטן אַף עסן...

— קינדער ביז זעקס יאָר זאָל מען דורכלאָזן אָן אָנטשערעד!! — אַזוי האָט אין איינעם אַ פרימאָרגן אויסגערופן אַ דיקלעכע פרוי. אין אַ ווייסן הויב און שמוציקן פאַרטוך אַפן בויך.

דאַווידל איז געבליבן שטיין אין עק פון אַ לאַנגער, קינדערשער שורע, ניט פאַרשטאַנען, אַז ער מעג איצט פריער פון די עלטערע קינדער אַריינגיין אין קיך...

— אינגעלע, אַף וואָס וואַרטסטו?... אַף קאַוועד, קום קאַראַפּוזיק. אַ פרעטדע אידענע האָט דאַווידלען פון עק שורע אַרויסגעפירט, אים געבראַכט צו דער קיך-טיר. בא דער טיר האָבן זיך טאַטעם מיט קינדער געשטופּט און געריסן.

— לאָזט דורך איך בין מיט אַ פיצל קינד!..

— געזעען אַ פיצל, ער איז שוין געווים אַכט יאָר!.

זאָל אייך אַזוי פיל יאָרן אָפּפאַלן, וויפל אים פעלט

נאָך צו זעקס, — האָט אַ אידענע אין אַן אַלטער, אָפּגעטראָגענער רעטאָנדע ניט פאַרשוויגן.

אַזוי האָבן זיך קאַלטע ווינטער־פּרימאָרגנס אויסגעצויגן אין לאַנגע קינדערשע רייען, פאַרפלאָכטן, פאַרוועבט אין עק פון קינדערשער שורע דעם הונגעריקן דאָווידלען. דאָווידל איז שוין געוואוינט געווען אַלע טאָג, אַלע טאָג אָפּשטיין שאָען לאַנג בּאַ דער קיך־טיר. וואַרטן אָף עסן און זאַטקייט.

האָט איינמאָל געטראָפן, אַז דאָווידל איז לאַנג אַרוםגעלאָפן אָפן גרויסן הויף, געמאַכט, ווי אַמאָל, שנייאיקע מענטשעלעך אין פוכיקן שניי — און גאָר שפּעט געקומען צו דער קינדער־קיך. די קיך איז שוין געווען אַרומגערינגלט פון אַ גרויסער הורדע קינדער. די קינדער זיינען געשטאַנען אויסגעשטעלט אין לאַנגע שורעס, געזעסן קופּעסוויַיז אָף די קיך־טרעפּלעך, זיך געקליבן אין רעדלעך און קרייזלעך אָפן הויף־גערטנדל.

בּאַ דער סאַמע טיר זיינען געשטאַנען די עלטסטע: צעניאַריקע, עלפיאָריקע אינגלעך, — אָפּגעריסענע און בּאָוואַקסענע, אַנגעטאָנענע אין מאַמישע יאַקן, אין טאַטישע שטיוול, — אין בּאָבּישע פּאַטשיילעס פאַרוויקלט. זיי האָבן אַן אויפהער געקלאַפּט מיט פאַרפראָרענע פויסטן אין פאַרשפּאַרטער טיר, געשליידערט מיעסע זידל־ווערטער אין אָרומיקן, קינדערשן טומל.

פלוצים האָט זיך די קיך־טיר געעפנט, אָף דער שוועל איז געשטאַנען דיזעלבּע דיקלעכע אידענע, אַ ווייַלע

באַטראַכט די טאַכנע קינדער, מיט אַ באַזאָרגטער שטימע־דעם קינדערשן טומל איבערגעשריען:

— גייט אַהיים... ניטאָ קיין שפּייז... די קיך וועט זיין פאַרמאַכט דריי וואָכן!..

די טיר האָט זיך אַזוי פּלוצים פאַרמאַכט, ווי געעפנט.

די קינדער זיינען געבליבן שטיין שטיל און איבע־ראַשט, געקוקט מיט דערשראָקענע, הונגעריקע אויגלעך אויף דער פאַרשפּאַרטער טיר, ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט די הונגעריקע בייכלעך...

אַ אינגל, אַ באַוואַקסענער און גרויסער, האָט זיך פון פאַרשפּאַרטער טיר און כאַווערים אָפּגעטיילט, גיך אַראָפּ פון די טרעפּלעך, געפונען אַ רוימן, צעבראָכענעם ציגל. דער ציגל איז געווען איינגעפראָרן אין אייז. באַוואַקסן מיט ליים און ערד. ער האָט דעם ציגל מיט ביידע הענט, מיט אַלע קינדערשע קויכעס פון אייז און איינגעפראָרנקייט אָפּגעריסן — גענומען מיטן פאַרפראָרענעם ציגל אין פאַר־שפּאַרטער טיר קלאַפּן...

די אינגעדע קינדער האָבן אים נאָכגעטאָן, געפונען אין הויף־גערטנדל שטיינער, ציגל, שטיקער האָלץ, גענומען אַלע מיטאַמאָל קלאַפּן אין פאַרשפּאַרטער טיר — געשריען מיט קינדערשע קוילעס:

— עסן!

— עפנט אויף!

— עסן!

די קינדערשע קוילעס האָבן זיך געפלאָכטן אין אַ

הויכן, שניידנדיקן געשריי. די קלעפּ אין טיר זיינען געוואָרן אַלץ שטאַרקער, הילכיקער, פאַרביטערטער.

נייע גרופּעס קינדער זיינען פון בוידעמס און קעלערס נאָך עסן און זאַטקייט געקומען — געפונען אַ פאַרשפּאַרטע טיר... אויך געפונען שטיינער, שטיקער אייז, — געקלאַפּט און געשריען:

— עסן!

— עפנט אויף!

— עסן!

די טיר איז געווען אַ שווערע און שטאַרקע, אויסגע-בויט פון דעמבענע ברעטער, באַקלאַפּט מיט אייזערנע ריי-קעס. זי האָט שווער געקרעכצט אונטער די קלעפּ פון די קינדערשע הענטלעך — ניט געוואָלט זיך אונטערגעבן.

די אויגלעך בא די קינדער האָבן אויפגעבליצט מיט אַ הונגעריקער אַקשאָנעס, די צורעס רויט צעפלאַמט, די שטימעס הייזעריק און פאַרשטיקט. די קינדער האָבן דעם הונגעריקן טאָג מיט געשריי און קלעפּ פאַרטריבן. אוונט איז אָנגעפאַלן מיט קעלט און טונקלקייט. אַ ווינטערדיקע זון האָט אין בלאַער רויטקייט פאַרברענט אַן עק הימל, און געלאָזן אים הענגען אָף קינדערשע קעפּלעך, — ווי אַן אָפּגעברענטע האָלאָוועשקע.

— בעווזע, מיט די פיס אַ בריק!

— אַלע... מיט איין מאָל...

— נאָכאַמאָל!

— קלאַפּ! בראַזג! שטוים! שמופּ! ברעך! שלאָג!

— אַלע... מיטאַמאָל!

— נאַלאַמאַל!

**די דעמבענע טיר האָט זיך שווער אַ בראָך געטאָן, זיך אָפּגעריסן פון די אײַזערנע שרויפן, געפאַלן מיט איר גאַנצער שווערקייט צו דער פאַרפראָרענער ערד.**

די קינדער זײַנען דערשראָקענע פון טיר אָפּגעשפרונ-גען, מיט אַ הילכיקן געשריי זיך צעלאָפן אַהיים...

* * *

דאָווידל איז שוין שפּעט אין אָוונט אין הייזל אַרײַן.

פּעסיע איז געלעגן אין בעט אַ פאַרוועבטע אין טונקלקייט, אין אָנהויב נאַכט. אין צימער איז געווען אַזוי שטיל, גלײַך ווי ניט קיין לעבעדיקס וואָלט געלעגן אונטער דער קאַלדרע צונויפגעדרייט...

דאָווידל האָט זיך דורכגעשאַרט צום טונקעלן צימער, געקומען צו דער מאַמעס בעט, זײַנע פאַרפראָרענע הענט-לעך אונטער דער קאַלדרע פאַרוקט — געזוכט דאָרט וואַ-רעמקייט...

פּעסיע האָט עפּעס קאַלט באַ זיך אָפּן בוזים דער-פילט. פון קראַנקן שלאָף אויפגעציטערט, געוואָלט דעם קאָפּ פון שלאָף און שווערקייט אויפהויבן — ניט געקאָנט.

אַ הויף-שכיינע האָט צופעליק די טיר געעפנט, דער-הערט אַ שטילן קינדערשן געוויין אין הייזל.

דאָווידל איז געשטאַנען האַרט צוגערוקט צו פּעסיעס בעט, די הענט פאַרוקט אונטער דער קאַלדרע און שטיל געבעטן:

— מאַמע, טו מיר אויס די שיכלעך... מאַמע ס'שטעכט!...

די הויף-שכיינע האָט דאַווידלען פון דער קראַנקער מאַמען צוגענומען, אים די שיכלעך פון פאַרפּאַרענע פיסלעך אויסגעטאָן, עסן געגעבן, שלאָפן געלייגט...

דריי טעג, דריי נעכט — האָט זיך פעסיע מיטן טויט און קראַנקייט געראַנגלט, אַפן פערטן — שטיל אויסגעגאַנגען.

די הויף-שכיינים האָבן רואיק און אָן פאַרוואונדערונג איר טויט באַגעגנט. אין יענע טעג פלעגט מען טויטע געפינען אין די גאַס-רינעס, אין הייזער, אַף מערק, אַף פלעצער.

גאָר נאָענטע פריינט האָבן די געבליבענע זאַכן פאַרקויפט, פאַרן באַקומענעם געלט לייוונט פאַר פעסיען געקויפט, איר אַפן בייסוילעם אָפּגעפירט.

אָוונט. ווען לעצטע פאַסן זון פון ערשטן פרילינג-טאָג האָבן זיך שטיפעריש געשפּילט אַף פעסיעס קייווער, — דעמאָלט האָט זיך אַ אידענע דערמאָנט אָן דאַווידלען און זיין עלנטקייט.

דאַווידל איז געשטאַנען האַרט באַם בערגל זאַמד, געקוקט מיט זיינע זשוקישע אויגלעך אַהין, וואו מע האָט זיין מאַמען אַוועקגעלייגט, — אַלין געוואַרט, די מאַמע זאָל צוריק פון דאָרט אַרויסגיין...

די אידענע האָט אין דער פאַרגייענדיקער זון געפרעגט:

— און וואָס טוט מען מיט דאַווידלען?

YORK

ЦЕНА 18 КОП. פּרייז 18 קאפּ.